בעזהשי"ת

# קונטרס

# חידושי תורה

## פרשת ויגש

יו"ל על ידי

**תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל**

**מסאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**קרית יואל – בני ברק**

**כיתה ח'**

הר"ר יואל גרינוואלד הי"ו

בס"ד

# פרשת ויגש

**אני יוסף העוד אבי חי.** אלע מפרשים מוטשעגען זיך שטארק אויף די ווערטער וואס יוסף האט געזאגט ווען ער האט זיך אנטפלעקט צו זיינע ברודער'ס "איך בין יוסף, דער טאטע לעבט נאך?", אין די צייט וואס ער האט גוט געוואוסט אז דער טאטע לעבט נאך, ווייל די גאנצע צייט רעדט מען דאך פון דעם?.

שטייט אין ספרים א הערליכער תירוץ, ווייל חז"ל זאגן אז עס איז פון הימל נישט באשערט געווען קיין יארן צו לעבן פאר דוד המלך, און ער וואלט ח"ו געדארפט שטארבן באלד נאכ'ן געבוירן ווערן, נאר די אבות הקדושים האבן געוואוסט אז די גאולה העתידה וועט קומען דורך דוד המלך, וועגן דעם האבן זיי אלע אוועק געגעבן טייל פון זייערע יארן פאר דוד המלך, און אזוי האט ער געלעבט 70 יאר.

דער חשבון גייט אזוי: באמת וואלטן אלע אבות געדארפט צו לעבן 180 יאר, נאר אברהם אבינו האט אוועק געגעבן 5 יאר, יעקב אבינו האט אוועק געגעבן 33 יאר, און יוסף 32 יאר פון זייער לעבן, אזוי האט דוד המלך געהאט זיבעציג יאר צום לעבן.

ווען יוסף איז פארלוירן געווארן האט יעקב אבינו געוויינט און געקלאגט כי ארד אל בני אבל שאולה, ווייל ווילאנג יוסף לעבט קען ער אוועק געבן זיינע יארן, אבער אויב איז ער גע'הרג'עט געווארן קען ער מער נישט אוועק געבן פון זיינע יארן, וועל איך מוזן נעמען די גאנצע איבער געבליבענע 65 יאר, ממילא וועל איך מוזן פריער שטארבן.

יעצט ווען יוסף האט זיך אנטפלעקט צו די ברודער'ס האט ער זיי געזאגט "אני יוסף", איך בין יוסף, און אויב גלייבט איר מיר נישט וועל איך אייך געבן א ראיה, "העוד אבי חי?", און אויב וואלט איך גע'הרג'עט געווארן וואלט דער טאטע שוין נישט געלעבט ווייל דאן וואלט איך נישט געהאט גענומען קיין טייל אין די יארן פון די המלך.

**ולבנימין נתן שלש מאות כסף.**

לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט יוסף געגעבן פאר בנימין פונקט "שלש מאות כסף", זאגט דער אויסטראווצער גאון זצ"ל אזוי: ווייל די שבטים האבן זיך איינגעטיילט יעדן

בס"ד

טאג צו באדינעם דעם טאטן, קומט אויס אז די צוויי און צוואנציג יאר וואס יוסף איז נישט דארט געווען האבן די שבטים אים איבער גענומען און זיי האבן באדינט דעם טאטן אין די טעג וואס ער האט פארפעלט.

די שבטים קענען אבער נישט האבן קיין טענות אויף יוסף אז זיי ארבעטן וועגן אים, ווייל זיי האבן אים דאך פארקויפט, אבער בנימין איז דאך נישט דארט געווען, וועגן דעם האט אים יוסף געוואלט באצאלן פאר די טעג וואס ער האט געארבעט אנשטאט אים.

דארף מען נאר פארשטיין פארוואס פונקט שלש מאות כסף?, זאגט ער דעם חשבון אזוי: אין בית יוסף שטייט אז עס איז דא דריי הונדערט ימות החול אין איין יאר, און די שבטים זענען דאך געווען 'צוועלף', קומט אויס אז יעדער האט באדינט דעם טאטן 'פינעף און צוואנציג טעג' אין איין יאר (ווייל 12 מאל 25 איז 300 אזויפיל וויפיל ארבעטס טעג עס איז דא אין א יאר), יוסף איז נישט דארט געווען 'צוויי און צוואנציג יאר', האבן דאך די ברודער געארבעט וועגן אים, יעדער איינער 'פופציג טעג' (ווייל 22 מאל 25 איז 550) קומט אויס אז די ברודער'ס האבן געארבעט פאר יוסף 550 טעג, ווייל 11 ברודער 50 טעג איז 550 טעג.

עס שטייט אין מדרש אז דער שכר פון איין טאג ארבעט איז 6 כסף, קומט אויס אז 50 מאל 6 איז 300 וועגן דעם האט יוסף געגעבן 'שלש מאות כסף' פאר בנימין צו באצאלן די 50 טעג וואס ער האט געארבעט פאר אים.

## ויאמר אליהם אל תרגזו בדרך.

ופרש"י אל תרגזו בדרך אל תפסיעו פסיעה גסה, והקשו המפורשים מדוע לא הזהירם יעקב כשירדו למצרים שלא יפסיעו פסיעה גסה, וי"ל דהנה נודע שהשבטים קיבלו עליהם מעת מכירת יוסף שלא לשתות יין, והנה אי' בגמ' (שבת קי"ג:) דפסיעה גסה נוטלת אחד מחמש מאות ממאור עיניו של אדם, והרפואה לכך היא שתיית יין קידוש, ולפי"ז לא חשש יעקב שיפסיעו פסיעה גסה, כי בלא אזהרתו לא יפסיעו פסיעה גסה, כי יחליש את עיניהם ואין להם תקנה ורפואה לשתות יין של קידוש, שהרי לא טעמו כל השנים הללו טעם יין, אמנם כשהיו אצל יוסף שתו עמו יין, ואם כן היה יוסף חושש שיפסיעו פסיעה גסה, מאחר שיש להם תקנה לשתות יין קידוש, לכן הזהירם "אל תרגזו בדרך" שלא יפסיעו פסיעה גסה.

**(הגאון ר' שמעון סופר זצ"ל אבדק"ק קראקא, בן מרן החת"ס)**

בס"ד

# כמה ימי שני חייך

הגאון ר' ארי' לייב בעל "שאגת אריה" זצ"ל נתקבל לעת זקנתו והוא כבן שבעים שנה לרב בעיר מיץ, והגיע לשם בשבוע של פרשת ויגש ובבואו אל העיר הגיע אליו שמועה שיש בין בעלי הבתים שאין דעתם נוחה ממנו והם מרננים על מינוי זה של רב בא בימים, ביום השבת בעמדו לדרוש בבית הכנסת את דרשתו הראשונה, פתח השאגת ארי' ואמר: בפרשתן אנו מוצאים שבשעה שבא יעקב אבינו למצרים שאלו פרעה "כמה ימי שני חייך" והשיב לו יעקב "ימי שני מגורי שלושים ומאת שנה, מעט ורעים היו ימי שני חיי" ולכאורה הלא בעצם הדבר מוקשה ראשית מה לו לפרעה לדעת בן כמה הוא, שנית מפני מה השיב לו יעקב על שאלה שלא נשאל כלל, ומה ראה להוסיף ולומר "מעט ורעים היו ימי שני חיי, אלא משראה פרעה שעם בואו של יעקב למצרים נתברכה הארץ, הנילוס עלה והרעב פסק, היה חושש שמא אין ברכה זו שמור לאורך ימים דהלא יעקב זקן ובא בימים, לפיכך שאל למספר שנות חייו, אך יעקב ירד לסוף כוונתה של השאלה, ולפיכך השיב "ימי שני מגורי שלושים ומאת שנה מעט ורעים" אני נראה זקן יותר מכפי שאני באמת, בסך הכל אני בן מאה ושלושים שנה ומעט הוא "ולא השיגו את ימי שני חיי אבותי" שהאריכו ימים ממני, ומראה פני זקנים כל כך מפני ש"רעים היו ימי שני חיי" וקפצה עלי הזקנה בלא עת, כן הדבר עמדי – סיים השאגת ארי' – אין אני זקן כפי שאני נראה בעיניכם, הזקנה קפצה עלי מחמת החיים הקשים מאוד שידעתי, שסבלתי דחקות ורדיפות ומחלוקת אין קץ, אבל אני מבטיח לכם שעוד אוסיף לישב על כס הרבנות למעלה מעשרים שנה, וכך היה.

(דור דעה)